**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/31/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט נייע באהאלטענע שיסגעווער-טראגן געזעצן דורכגעפירט אין אפרוף צו אומ׳אחריות׳דיגע הויכער געריכט פסק אריינצוקומען אין קראפט אום סעפטעמבער 1, 2022**

***שטאטוטליכע ענדערונגען אדרעסירן יו-עס הויכער געריכט׳ס פסק אין ניו יארק סטעיט ׳רייפל און פיסטאָל אסאסיעשען אינק. וו. ברוען׳***

***נייע פאדערונגען פאר יחידים וואס זוכן צו שאפן באהאלטענע שיסגעווער-טראגן פערמיטס רעכענען אריין שיסגעווער טרענירונגען, פערזענליכע אינטערוויו, און סאָושעל מידיע איבערבליק, צווישן אנדערע***

***באהאלטענע שיסגעווער-טראגן באגרענעצונגען זענען אנווענדליך צו סענסיטיווע ערטער אריינגערעכנט ׳טיימס סקווער׳, באַרס, ביבליאטעקן, שולעס, רעגירונג געביידעס און שפיטעלער***

***פערמיט ווידער-באשטעטיגונג אדער באנייאונג איצט פארלאנגט יעדע דריי יאר***

***סטעיט פירט איין נייע [שיסגעווער זיכערהייט וועבזייטל] צוצושטעלן פאר׳ן פובליק, רעוואלווער-פארמאגער, און רעוואלווער האנדלער מיט אן ארומנעמיגער איינציג ארט פאר אינפארמאציע איבער די נייע געזעצן***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט דערמאנט ניו יארקער אז שטערקערע רעוואלווער געזעצן דורכגעפירט נאך דער יו-עס הויכער געריכט׳ס פסק אראפצורייסן די סטעיט׳ס הונדערט-יעריגע פיסטאל פערמיט פראצעס אריינצוקומען אין קראפט אום דאנערשטאג, סעפטעמבער 1. די געזעצן פארמאגן שטערקערע הינטערגרונד נאכקוקן און שיסגעווער זיכערהייט און לעבעדיגע פייער-געווער טרענירונג פאר יחידים וואס זוכן זיך איינצושאפן באהאלטענע שיסגעווער-טראגן פערמיטס; פארבאטן באהאלטענע שיסגעווער-טראגן פערמיט האלטער פון ברענגען זייערע שיסגעווער צו סענסיטיווע ערטער, אריינגערעכנט ׳טיימס סקווער׳, באַרס, ביבליאטעקן, שולעס, רעגירונג געביידעס און שפיטאל, צווישן אנדערע; און פאדערן באנייאונג אדער ווידער-באשטעטיגונג פון פערמיטס יעדע דריי יאר. דער גאווערנער האט אויך אויסגעמאלדן א נייע [שיסגעווער זיכערהייט וועבזייטל] צוצושטעלן פאר׳ן פובליק, רעוואלווער-פארמאגער, און רעוואלווער האנדלער מיט ארומנעמיגן אינפארמאציע איבער די אלע נייע פאדערונגען אונטער סטעיט געזעץ.

״אין אפרוף צו דער הויכער געריכט׳ס פסק אראפצורייסן ניו יארק׳ס הונדערט-יעריגער באהאלטענע שיסגעווער-טראגן געזעץ, האבן מיר גענומען געשווינדע און דורכגעטראכטע שריטן צו האלטן ניו יארקער אפגעהיטן״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״איך אנטזאג זיך פון אויפגעבן מיין רעכט אלס גאווערנער צו באשיצן ניו יארקער פון רעוואלווער גענואלד-פארברעכנס אדער סיי וועלכע אנדערע סארט שעדיגונג.

אין ניו יארק סטעיט, וועלן מיר ווייטער פירן דעם וועג פאראויס און איינפירן פשוט-פארשטענדליכע רעוואלווער זיכערהייט לעגיסלאציע.״

״ניו יארק פירט דעם וועג אין דעם קאמף צו רעדוצירן רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס און ראטעווען לעבנס,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״מיר ווילן זיכער מאכן אז אלע מיטגלידער אין אונזערע קאמיוניטיס זענען זיכער, און די נייע באהאלטענע-טראגן געזעצן וועט העלפן פארמיידן טראגעדיעס דורך פארזיכערן אז רעוואלווער-פארמאגער זענען פאסיג טרענירט, אז זיכערהייט מאסנאמען ווערן ארויסגעהויבן און אז שיסגעווער ווערן נישט אריינגעטראגן אין סענסיטיווע ערטער.״

גאווערנער האקול האט אויך אויסגעמאלדן נייע פערמיט און מינימום עלטער פאדערונגען פארבינדן מיט פארמאגערשאפט פון סעמי-אויטאמאטישע רייפלס וואס וועלן אריינקומען אין קראפט אום זונטאג, סעפטעמבער 4, 2022. נאך דעם דאטום, מוז א יחיד זיין וויניגסטנס 21 יאר אלט און האבן א פערמיט בעפאר׳ן איינקויפן אדער באזיצן א סעמי-אויטאמאטישע ביקס. די נייע פאדערונגען זענען אריינגערעכנט געווארן אין א פעקל לעגיסלאציע אונטערגעשריבן דורכ׳ן גאווערנער אין אפרוף צו דער ראסע-מאטיווירטע מאסן שיסעריי אין באפעלאו דעם פרילינג. לייסענסער זענען נישט פארלאנגט פאר יחידים וועלכע פארמאגן סעמי-אויטאמאטישע רייפלס בעפאר סעפטעמבער 4, 2022.

פאר איבער 100 יאר, האט ניו יארק געפאדערט פון יחידים וואס זוכן באהאלטענע שיסגעווער-טראגן פערמיטס דורכצוגיין הינטערגרונד נאכקוקונג, וואס האט אריינגערעכנט נאכקוקן צי זיי זענען סיי ווען אמאל געפונען געווארן קרימינאליש באשולדיגט וואס קען זיי מאכן אומקוואליפיצירט פאר רעוואלווער-פארמאגערשאפט, און כאראקטער רעקאמענדאציעס. אין אפרוף צו דעם ברוען פסק, האט דער סטעיט סטאנדארטיזירט און פארשטערקערט די הינטערגרונד נאכקוקונג געפאדערט פאר באהאלטענע שיסגעווער-טראגן פערמיטס דורך פארלאנגען פיר כאראקטער רעקאמענדאציעס; א ליסטע פון געוועזענע און איצטיגע סאָושעל מידיע אקאונטס פאר די פארלאפענע דריי יאר; אנטפלעקן אן אפליקאנט׳ס מאן / פרוי אדער שטוב-זיווג, סיי וואספארא אנדערע ערוואקסענע וואס וואוינען אין דעם אפליקאנט׳ס שטוב, אריינגערעכנט סיי וואספארא ערוואקסענע קינדער פון דעם אפליקאנט; און א פערזענליכע אינטערוויו מיט זייער לייסענסינג אפיציר אדער באשטימטער. לייסענסינג אנבאטונגען קענען מעגליך פאדערן נאך אינפארמאציע לויט ווי זיי האלטן עס איז פאסיג.

די שיסגעווער טרענירונג פארלאנג אין אנווענדליך צו אלע באהאלטענע שיסגעווער-טראגן פערמיט אפליקאנטן אנגעהויבן פון סעפטעמבער 1, 2022, און רעכנט אריין מענטשן וואס וואוינען אין ניו יארק סיטי און נעסאוי, סופאלק און וועסטשעסטער קאונטיס און ווערן געפאדערט צו באנייען זייערע פערמיטס. די 16 שעה׳יגע קלאסרום טרענירונג און צוויי-שעה׳יגע לעבעדיגע-פייער שיסגעווער זיכערהייט טרענירונג קורס מוז נאכקומען [דער סטעיט׳ס נייע מינימום סטאנדארטן](). די סטאנדארטן זענען געאייגנט אויף צו פארזארגן גע׳לייסענס׳טע שיסגעווער פארמאגער די געניטשאפטן און קענטעניס נייטיג אויף צו זיכערערהייט אוועקלייגן און טראגן זייערע שיסגעווער, און זיי אויסשולן איבער אנדערע טעמעס, אריינגערעכנט געפעכט אפשטעלן, זעלבסט-מארד פארמיידן ווי אויך אפהאלטן אנדערע באניצן פון טויטליכע קראפט, וואס וועט אפהיטן זיי און אנדערע.

יחידים וועלכע האבן איצט באהאלטענע שיסגעווער-טראגן פערמיטס און ווידער-באשטעטיגן יענע פערמיטס מיט דער ניו יארק סטעיט פאליצייי זענען נישט פארלאנגט דורכצוגיין די נייע טרענירונג. באנייאונג און ווידער-באשטעטיגונג פון באהאלטענע שיסגעווער-טראגן איז איצט פארלאנגט יעדע דריי יאר אנשטאט פינף. ביז׳ן ענדע יאר, פלאנירן די סטעיט פאליצייי איינצופירן אן אָנליין ווידער-באשטעטיגונג פראצעס פאר פערמיט האלטער.

**סטעיט פאליציי סופעראינטענדענט קעווין פ. ברוען האט געזאגט,** ״מיר שעצן ווירקליך גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט און הילפס-מיטלען וואס זי האט צוגעשטעלט וואס האט אונז ערמעגליכט צו אגרעסיוו זיך נעמען שטרענג צו דאס אריבערפירן אומגעזעצליכע שיסגעווער אריין אין אונזער סטעיט. טרופערס בלייבן אנטשלאסן צו דער אויפגאבע, און מיר זענען אנטשלאסן אפצושטעלן די פארברעכער וועלכע האנדלען אין אומגעזעצליכע רעוואלווער און שטעלן אין געפאר אונזערע קאמיוניטיס.״

**דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס קאמיסיאנערין ראזעננע ראסאדא האט געזאגט,** ״מיר האבן געזען די חורבנות און טראומא אנגעברענגט דורך שיסערייען אין אונזערע קאמיוניטיס און מיר מוזן טון אלץ וואס מיר קענען עס אפצושטעלן. מיר דאנקען גאווערנער האוקול פאר איר פירערשאפט אויף דער נושא און מיר שטאלצירן זיך צו שטיין צו איר ביי דער זייט, פאר די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער, אזוי ווי מיר ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין געזעץ אינפארסירונג און ארטיגע רעגירונגס אינסטאנצן איינצופירן די פשוט-פארשטענדליכע זיכערהייט און טרענירונג כללים פאר לייסענסינג.״

**סענאט מאיאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס האט געזאגט,** ״אין ענטפער צו דעם פסק פון דער הויכער געריכט, וועלכס גיבט אן אז רעוואלווער זענען וויכטיגער ווי לעבנס אין דעם לאנד, האבן מיר דורכגעפירט לעגיסלאציע צו פארזיכערן אז ניו יארק סטעיט האט זיכערע און פאראנטווארטליכע שיסגעווער געזעצן. סטעיטס זענען די לעצטע פארטיידיגונגס ליניע, און צוליב דעם האבן מיר אויפגעטרעטן צו באשיצן ניו יארק פון ווערן אנגעפלייצט מיט באהאלטענע וואפנס און האלטן שיסגעווער ארויס פון בייזוויליגע הענט. די מאסנאמען, אין צוגאב צו די פריערדיגע אנטי-רעוואלווער געוואלד-פארברעכנס לעגיסלאציע וואס מיר האבן דורכגעפירט, זענען העכסט-נייטיג אין א צייט ווען עס געפונען זיך אין אמעריקע מער רעוואלווערס ווי מענטשן. ניו יארק וועט ווייטער שטעלן צום ערשט מענטשן׳ס זיכערהייט און לעבנס, און איך דאנק מיין קאנפערענץ, ספיקער היעסטי, און גאווערנער האוקול פאר זייער צוזאמארבעט.״

**אסעמבלי ספיקער קארל היעסטי האט געזאגט,** ״דער הויכער געריכט און דער שיסגעווער לאָבי קען שעצן שיסגעווער צוטריט העכער די לעבנס פון אמעריקאנער אבער דא אין ניו יארק מאכן מיר א שטארקן סטעיטמענט אז מיר וועלן דאס נישט אויסהאלטן. דער געזעץ וועט העלפן האלטן ניו יארקער אפגעהיטן אין פובליק ערטער — נישט בלויז אין סקולס און רעגירונג געביידעס, אבער אין גראָסערי סטאָרס, פובליק טראנספארטאציע, רעסטוראנטן און געבעט הייזער. מיר ווען ווייטער קעמפן צו באשיצן מענטשן פון שיסערייען און צו העלפן האלטן פאמיליעס אפגעהיטן אין זייערע קאמיוניטיס.״

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** ״ דער יו-עס הויכער געריכט׳ס *ברוען* באשלוס איז געווען דער שאס געהערט איבער דער וועלט וואס האט געצילט דירעקט אויף די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער. ניו יארק סיטי וועט זיך באשיצן קעגן דעם באשלוס, און, אנגעהויבן מארגן, וועלן נייע בארעכטיגקייט פאדערונגען פאר באהאלטענע שיסגעווער פערמיט אפליקאנטן און באגרענעצונגען אויף דאס טראגן באהאלטענע וואפנס אין סענסיטיווע ערטער, ווי למשל ׳טיימס סקוועה׳, אריינקומען אין קראפט. מיר ווען ארויפשטעלן שילדן ביי יעדע אריינגאנג צו ׳טיימס סקווער׳ צו אינפארמירן די וועלכע פארן דורך, זיי צו לאזן וויסן אז דער געגנט איז א ׳גאָן-פרי זאָון׳ און אז גע׳לייסענס׳טע שיסגעווער טראגער און אנדערע קענען נישט אריינקומען מיט א רעוואלווער אויסער אויב ספעציעל אויטאריזירט דורכ׳ן געזעץ. אלס מעיאר פון ניו יארק סיטי און א געוועזענער פאליציי באאמטער, וועט מיין העכסטע פריאריטעט שטענדיג זיין די זיכערהייט פון אלע 8.8 מיליאן מענטשן וואס רופן דעם שטאט א היים. און דעריבער, כאטש דער הויכער געריכט פסק האט מעגליך געעפנט נאך א טייך פון וואו עס שטראמט א ים פון שיסעריי פארברעכנס, טוען מיר אלצדינג וואס מעגליך עס איינצוהאלטן, און האלטן ניו יארק די זיכערסטע גרויסע שטאט אין אמעריקע.״

**ניו יארק סטעיט אסאסיעשען פון קאונטיס עקזעקיוטיוו דירעקטאר סטיווען דזשעי. אקוואריא האט געזאגט,** ״פאר געזעץ-האַרכנדע גאַן אייגנטומער קומט זיך די רעכט צו האלטן און טראגן וואפנס. אלס לייסענסינג באאמטע באאויפטראגט מיט ארויסגעבן שיסגעווער פערמיטס, איז אונזער אויפגאבע צו פארזיכערן צייטליכע און זיכערע פערמיטס. מיר שעצן גאווערנער האקול׳ס באמיאונגען צו איינגלידערן קאונטי צוריקזאג דורכאויס דער איינפירונג פראצעס.״

**׳ניו יארקער קעגן שיסעריי פארברעכנס׳ עקזעקיוטיוו דירעקטאר רעבעקא פישער האט געזאגט,** ״אפילו בשעת די שיסגעווער אינדוסטריע באפאלט אונזער פארשטענדליכע רעוואלווער געזעצן, אונזערע קאמיוניטיס און אונזערע קינדער, ווייסן מיר אז מיר קענען זיך פארלאזן אויף ניו יארק סטעיט׳ס פירערשאפט אונז צו באשיצן איינמאל און נאכאמאל. אין יוני, האט דער יו-עס הויכער געריכט, געשטיצט דורך דער שיסגעווער לאָבי, איבערגעקערט ניו יארק׳ס באהאלטענע שיסגעווער-טראגן לייסענסינג געזעץ, א געזעץ וואס האט געהאלפן האלטן ניו יארקער אפגעהיטן אויף איבער א יארהונדערט. אלס ענטפער האט אונזער סטעיט גענומען געשווינדע שריטן דורך איינפירן נייע געזעצן וואס וועלן פארשטערקערן אונזערע פובליק טראגן פערמיט פראצעס און ערמעגליכן פאר ניו יארקער צו וואוינען זיכערערהייט אין סענסיטיווע ערטער לענגאויס ניו יארק. מיר אפלאדירן גאווערנער קעטי האקול פאר איר פארשפרעכונג צו אדרעסירן דעם שיסגעווער-פארברעכנס קריזיס און צו ראטעווען לעבנס.״

**׳עווריטאַון פאָר גאַן סעיפטי׳ סיניאָר דירעקטאר פון סטעיט רעגירונג אנגעלעגנהייטן מאנישע הענלי האט געזאגט,** ״אזוי ווי שיסעריי פארברעכנס טוען ווייטער אפעקטירן סטעיטס לענגאויס דעם לאנד טאג-טעגליך, האבן פּאָליסי-שאפער אויף יעדן שטאפל א העכסט-נייטיגע ראלע צו שפילן אין דורכפירן פשוט-שכל׳דיגע שיסגעווער זיכערהייט געזעצן צו האלטן זייערע קאמיוניטיס אפגעהיטן. גאווערנער האקול און ניו יארק געזעץ-שאפער ווייזן ווייטער דעם וועג פאר׳ן לאנד אין דעם קאמף, און מיר שטאלצירן זיך צו ארבעטן אינאיינעם מיט זיי אזוי זיי פלאסטערן אויס א וועג פאר מער אפגעהיטענער ניו יארק.״

**ברעידי פרעזידענטקע קריס בראון האט געזאגט,** ״ניו יארקער זענען איצט מער אפגעהיטן אדאנק גאווערנער האקול און סטעיט געזעץ-שאפער וועלכע האבן געצייגט אויסגעצייכנטע פירערשאפט אין נעמען די נייטיגע שריטן צו באשיצן זייערע קאמיוניטיס פון שיסעריי פארברעכנס. דער הויכער געריכט׳ס באשלוס זיך אריינצומישן אין ניו יארק׳ס געזעצן — געזעצן וואס ווערן געשטיצט דורך אן איבערוויגנדער מערהייט פון ניו יארקער — איז גאר א גרויסער עוולה. אבער היינט קענען מיר גרינגער אפאטעמען וויסנדיג אז דער סטעיט׳ס שיסגעווער געזעצן בלייבן שטארק און אז סטעיט פירער הערן אויס זייערע איינוואוינער און רופן זיך אפ מיט לעבנס-רעטנדע לייזונגס-מיטלען.״

**גיפארדס געזעץ צענטער אויף צו פארמיידן שיסעריי פארברעכנס געהילף הויפט קאונסעל דעיוויד פוצינא האט געזאגט,** ״אויף די שפורן פון דעם הויכן געריכט׳ס אומ׳אחריות׳דיגן פסק אראפצווארפן ניו יארק׳ס 100-יעריגע באהאלטענע שיסגעווער-טראגן געזעץ, טרעטן אויף קוראזשפולע געזעץ-שאפער לענגאויס דעם סטעיט. די פירער ווייסן אז די רעכט צו טראגן געווער איז נישט דוחה יעדע אנדערע רעכט, און אז פשוט-שכל׳דיגע, באווייז-באזירטע רעוואלווער זיכערהייט געזעצן זענען נישט בלויז ווירקזאם נאר זיי זענען אויך ברייט פאפולער. דער געזעץ וואס גייט אריין אין קראפט מארגן וועט שטיצן פובליק זיכערהייט און האלטן ניו יארקער אפגעהיטן, אינערהאלב די באצוימונגען באשטימט דורכ׳ן געריכט. מיר דאנקען גאווערנער קעטי האקול, ספיקער קארל היעסטי, מאיאריטעט פירער אנדרעא סטוערט-קאזינס, מעיאר עריק אדאמס און ספיקער עדריענע אדאמס פאר זייער קוראזשפולע פירערשאפט אויף דעם דיני־נפשות טעמע.״

די סטעיט פאליציי און סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס האבן אויך אנטוויקלט אפט געפרעגטע פראגעס איבער די נייע שיסגעווער געזעצן פאר׳ן פובליק, שיסגעווער אייגנטומער, און

שיסגעווער סוחרים. אין צוגאב צו טרענירונג און פארברייטערטע הינטערגרונד נאכקוק פאדערונגען, טוען די געזעצן:

- באצוימען יחידים פון טראגן זייער באהאלטענער פיסטאל אדער רעוואלווער אין סענסיטיווע ערטער. די וואס זענען נישט פטור פון דער באצוימונג אונטער׳ן געזעץ קענען אנגעקלאגט ווערן מיט א ערנסטע פארברעך פאר פארלעצן אירע סענסיטיווע ערטער פראוויזיע. דער סטעיט וועט איינפירן / האט איינגעפירט א פובליק באוואוסטזיניגקייט קאמפיין צו אויסשולן ניו יארקער איבער די נייע באצוימונגען.
- פאדערן חודש׳ליכע נאכקוקן אויף פערמיט האלטער צו באשטימען צי זיי האבן קרימינאלע באשולדיגונגען אדער געריכט פאראָרדענונגען וואס קען זיי מעגליך מאכן אומקוואליפיצירט פון האבן באהאלטענע שיסגעווער-טראגן פערמיטס. דער סטעיט וועט פארזארגן די אינפארמאציע צו ארטיגע לייסענסינג באאמטע פאר אקציע.
- פארלאנגען אז שיסגעווער אין אומבאוואכטע וויהיקלס מוזן זיין אויסגעליידיגט פון קוילן און פארשלאסן אין א פייער, אימפאקט און אויפברעך-ווידערשטאנד סטאָרעדזש ארט וואס איז באהאלטן פון בליק.
- פארברייטערן זיכערע סטאָרעדזש פאדערונגען איבן קינדער אונטער 18 אדער סיי ווער וואס איז פארבאטן צו פארמאגן א גאָן וואוינען אין א שטוב מיט שיסגעווער, ביקסן, און שרויטביקסן

דער [סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג׳ס וועבזייטל](#) האט מער אינפארמאציע איבער וויאזוי די נייע געזעצן זענען אנווענדליך צו געיעג און געיעג בילדונג אקטיוויטעטן, וואס רעכענען אריין סקיעט און טרעפ שיסעריי פארמעסטן. די אקטיוויטעטן זענען ווייטער געזעצליך אונטער י די נייע געזעצן.

די סטעיט פאליציי ארבעט אויך איינצופירן אנדערע פאדערונגען אריינצוקומען אין קראפט אין 2023: אוועקשטעלן סטעיט אויפזיכט פאר הינטערגרונד נאכקוקן אפר שיסגעווער (יולי 1); שאפן סטעיט-ברייטע פערמיט און אמוניציע דאַטעבעיסעס (אויגוסט 1); און זיך אנצושליסן מיט די סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס אוועקצושטעלן אן אפיעלס באָורד איבערצוקוקן פערמיט צוריקווייזונגען און אפשאפונגען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן